און דער בן־אדם וועט איבערגעגעבן ווערן צו די
הויפּט־כהנים און די סופרים; און זיי וועלן אים
פאַרמשפּטן צום טויט, און אים איבערגעבן צו
34 די גוים; און זיי וועלן אָפּשפּאָטן פון אים, און
שפּייען אויף אים, און וועלן אים שמייסן, און טייטן;
און אין דריי טעג אַרום וועט ער ווידער אויפשטיין.
35 און יעקב און יוחנן, זבדיס זין, זענען צוגעגאַנגען
צו אים, און האָבן צו אים געזאָגט: רבי, מיר
פאַרלאַנגען, אַז דו זאָלסט פאַר אונז טון, וואָס מיר
36 וועלן דיך בעטן! און ער האָט צו זיי געזאָגט:
וואָס פאַרלאַנגט איר, אַז איך זאָל טון פאַר
37 אייערטוועגן? און זיי האָבן צו אים געזאָגט:
גיב אונז, אַז מיר זאָלן זיצן, איינער אויף דיין
רעכטער זייט, און איינער אויף דיין לינקער זייט,
38 אין דיין הערלעכקייט! ישוע אָבער האָט צו זיי גע־
זאָגט: איר ווייסט נישט וואָס איר בעט! צי קענט איר
דען טרינקען דעם בעכער, וואָס איך טרינק? אָדער
געטובלט ווערן מיט דער טבילה, מיט וועלכער
39 איך ווער געטובלט? און זיי האָבן געזאָגט צו אים:
מיר קענען! ישוע אָבער האָט צו זיי געזאָגט: דעם
בעכער, וואָס איך טרינק, וועט איר טרינקען; און מיט
דער טבילה, מיט וועלכער איך ווער געטובלט, וועט
40 איר געטובלט ווערן; נאָר צו זיצן אויף מיין רעכטער
זייט אָדער לינקער זייט איז נישט מיינס צו געבן,
נאָר (עס איז פאַר די) פאַר וועמען עס איז צוגעגרייט
41 געוואָרן. און ווען די צען האָבן עס געהערט, האָבן
זיי אָנגעהויבן צו ווערן אין כעס אויף יעקבן און
42 יוחנן. און ישוע האָט זיי גערופן צו זיך, און זאָגט
צו זיי: איר ווייסט, אַז די, וואָס גילטן צו הערשן
איבער די פעלקער, אונטערדריקן זיי; און זייערע
43 גדולים געוועלטיקן איבער זיי. ביי אייך אָבער איז